STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03628

VEBER-LIDER

Pincus Goodman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

וועבער-לידער

פון

פ. גודמאַן

Copyright, 1922
By P. Goodman
Paterson, N. J.

פירשטען־קינד — בעטלער־קינד

(באלאדע)

(די וועבער געווידמעט)

א

אַמאָל איז אַ וועב־שטול
געוועזען גאָר פראָסט,
פון האָלץ און פון נעגעל —
און פיל נישט געקאָסט.

דער וועבער דערמאָנט נאָך
אַמאָל אין פאַבריק:
דעם וועב־שטול דעם פראָסטען
פון יאָהרען צוריק.

און וועבער שוין אַלטע
מיט פייערדיגן טאָן,
פון וועבער פערצייטענס
דערצעהלען זיך אָן:

געווען איז אַ וועבער
פון יחוס־שטאַנד גרויס;
כאָטש פראָסט איז זיין וועב־שטול
געשטאַנען אין הויז.

דער וועבער אַ מייסטער
ביי זיך איז געווען:
האָט מוסטער'ס געצייכענט,
דעם „בינד" נאָכגעזען.

„געבעהמט“ אויף די קעטע,
„געלאַימט“ און געקלעפּט,
געפּעדעמט די שיצלעך,
געקניפּט און געוועבט.

און ריטמיש געוויגט זיך
אין סקריפּענדען-שטול,
לעם אים האָט געהוזשעט
אין שפּול-ראָד אַ שפּול.

געקלאַפּט האָט זיין וועב-שטול
און ער האָט דאַביי
אַ ליד זיך געזונגען,
גאָר זאָרגלאָז און פריי...

דער „צוג“ און די „לאַדע“,
דעם „פּוס-שעמעל׳ס-טריט“;
און שפּולער און שפּול-ראָד
באַוועגט אין זיין ליד...

די גאַנצע קאַפּעליע
ווי מיט איין געפיהל,
געהוידעט, געהוזשעט
צום שאַפענדען ציל...

אַ פרייד און אַ בשורה
געהילכט האָט אין קלאַנג —
און ער האָט געזונגען
פון קיסר׳ס געשאַנק:

„איך וועב אוים מיין סחורה
און פריי בין איך מיר,
איך דאַרף נאָר באַווייזען
דאָס מייסטער פּאַפּיר.

****

דער קיסר בעפרייט מיר
פון דינסט פאר דעם לאַנד;
דער קיסר זיך נויטיגט
אין שטאָף, אין געוואַנט"...(*

אין גאַס אָפּגעקלינגען
האָט ס'פריילעכע-ליד —
און די פארבייגעהער
צום פענסטער געשמידט...

מיט שטאָלץ האָט דער נייגיער
זיין נאָמען באַרירט —
און נאָך מיט אַ נאָמען
זיין נאָמען באַצירט;

און אים אָנגערופען
„דאָס פירשטען-קינד" —
און ווי אַ לעגענדע
האָט ווייט זיך געשפינט:

„זיין פירשטליכער יחוס
פון קיסר עררייכט";
מען זאָגט ער געוועבט האָט —(*
(די קרייקעס פּילייכט)...

„אַ קאַץ אַ פּאָר הויזען
מסתמא געמאַכט" —
עס האָבען די מענשען
אין הארצען געלאַכט:

---

*) אלעקסאנדער דער ערשטער האָט בעפרייט דעם וועבער פון מיליטער דינסט, ווען דער וועבער האָט געצייגט זיינע מייסטער פּאַ-פּירען.

*) צווישען וועבער איז אויך ארומגעגאַנגען אַ זאָגענג. אז דער קיסר אליין איז אַ וועבער.

****

צו שווערדען און ביקסען,
צו שטאָף און געוואַנט —
אַ וועלכעס איז בעסער
פאַר זיך און דעם לאַנד?...

אַפּנים האָט פריַיהייט
געהאַט מער אַ ווערט;
שוין בעסער דעם וועב־שטול,
ווי טראָגען אַ שווערד...

זיי האָבען די קינדער
פאַר וועבער געמאַכט —
האָט לעהרלינג, געזעלען
פון מייסטער געטראַכט...

די אויגען זיך האָבען
געשפּיגעלט דאַביי;
און הערצער זיך האָבען
באַזעלט מיט דער „פריי“...

דער וועבער געזעלען
מיט פריַיד אויפגעלעבט,
ער האָט זיך געזונגען
אַ פריַיד איינגעוועבט...

דאָס וועבער לערן־איינגעל
גערירט פון דעם ליד;
געטאַנצט האָט אין וועב־שטול
אויף „פוס־שעמעל'ס־טריט“...

דעם „צוג“ האָט געשלעפּט ער,
דאָס שיצעל געצילט,
געקלאַפּט האָט דער וועב־שטול,
אַ הימנע געשפּילט...

ב

די פרייד‏יגקייט אין וועבער'ס הויז
איז פייערלעך געשטיגען:
געזעלען-בריף און מייסטער-בריף
מיט פייערליכקייט געקריגען:

די מייסטער־בריף מיט צערעמאָניע
זיין „צעך" אים פלעגט דערלאַנגען;
און וועבער אין זיין „וועבער-צעך"
איך צערעמאָניאל עמפּפאַנגען.

זיין יחוס'קייט, זיין חשובות'קייט
האָט שטימונגס־פאָל געקלינגען,
אַ פריידיגקייט אין וועבער'ס הויז
ביים וועבען זיך געזונגען...

פלעגט שפּינערן און שפּולערן
און לעהרלינג און געזעלען;
פון מייסטער און די מייסטערן,
פון צעך זיך אַנדערצעהלען...

ג

די צייט האָט געהאַלטען
דאָס שפּינראָד אין האַנד,
געשפּינט זיך דעם פאָדעם
פאַר'ן וועבער'ס געוואַנט...

געגורט האָט דאָס שפּינראָד,
דעם פאָדעם געדרייט;
פון שפּינראָד צום שפּול־ראָד,
דעם וועב-שטול בעקליידט —

ד

האָט דאָס שפּינראָד אויסגעשפּינען
אויסען רויהען וואָל און באַוועל,
לאַנגע פעדעם אויסגעשפּינען
און צוטיילט די וואָל און „שטרענען"
און דעם באַוועל אין די פּאַסמעס;
האָט דאָס טרייב-ראָד און דאָס שפּול-ראָד
אויפגעשפּולט און אויפגעטריבען,
אָנגעשפּולט די לערע שפּולען,
פולע קולער'ס אָנגעוויקעלט
און די פעדעם פון די קולער'ס
דורכ'ן „שער-בלאַט" גלייך גענומען,
האָט דער שערער „קעטע-שערער"
אויף זיין „שעראַמע" געשוירען —
האָט די זון בעשטראַהלט די פעדעם
מיט אַ שימער אויפגעלויכטען:
זונען שטראַהלען אין די פעדעם
ווי נשמות זיי בעהאַפטען —
וועלען קליידען זיך די גוף'ען,
לויט די גוף'ען די קאָלירען:
גאָלד און זונענדיגע פאַרבען
מיט אַ בלענד און בליאַסק געשפּיגעלט,
האָט זייר לעבען זיך געשפּיגעלט —
און אַלץ מייסטערלעך און קינסטלעך
אויסגעשפּינען, אויסגעשוירען
— שוין די פעדעם גרייט צום וועבען
און דאַביי די פרייד ביים וועבער:
שטאַרקע פעדעם וועט ער וועבען,
שטאַרקען „שום" און שטאַרקע קעטע. (*

---

*) „שום" איז דער פאָדעם וואָס וועבט זיך אין דער ברייט.
„קעטע" זיינען פעדעם וואָס וועבען זיך אין דער לענג.

ווּעט זיך שעהנעם מיט'ן שטאַרקען
ווי די פאָרען זיך באַהעפטען;
ווּעלען פעדעם מיט די פעדעם
פלעכטען, וועבען זיך ווי טרוימען —
און געוועב מיט פרייד געוועבען
ווי ווייט נאַקעטקייט טוט שעהמען —
וועלען הענט אַנטאַפּען ס'וועבען
דאָס ממשות'דיגע שעהנע,
ווּעט זיך גוף און נשמה קליידען
אין געוועב מיט פרייד געוועבען...
און דער וועבער, ענטוזיאַסטעש
האָט זיין קעטע „אויסגעצויגען;
און די „קעטלען" אָנגעקעטעלט
פון איין פאַרקען צו דעם צווייטען
וויפיל לאַנד ער האָט געקריגען
וואָס דער קיסר האָט געשענקט אים, (*
וויפיל איילען-לאַנג זיין קעטע
אָנגעשוירען האָט צום וועבען —
פלעגט ער שטאַרקען שוואַכע פעדעם,
פלעגט ער „לאַימען" אויס זיין קעטע
מיט די בערשטען „אויסגעשליכטעט";
האָט די זון זי אויסגעטרוקענט
און געטונקט זי אין די שטראַהלען —
האָט דער וועבער, מיט אַ „רעהקאָם"
„אויפגעבעהמט" זי אויפ'ן „בעהם-שטול"
און זיין קעטע אין דעם וועב-שטול
אין „געשיר" אַריין „געריגען",
פון אַ בעט-צייג ביז אַ קאַזשמיר,
פון אַ הויזען-צייג ביז „קאַמגאַר"
אויסגעריגען ביז אַ זיגזאַג;
האָט ער פוס-שעמלעך געבונדען:

---

*) די ערשטע וועבער אין „לאָדז" האָבען געקריגען געשאַנקען לאַנד — וואָס איז דעמאָלט געווען ניט מער ווי אַ דאָרף מיט אַ וואַלד.

****

מיט אַ „באַסט“ און מיט אַ „מאַרין“, (**
מיט אַן אַטלעס און אַ דיגנאַל“
אויסגעשנורט זיי מיט זיין מוסטער —
און זיין פוס־טריט מיט אַ סדר
האָט די פוס־שעמלעך אין וועב־שטול
איינס נאָך איינס אַראָפּ געטרעטען,
פאַך נאָך פאַך אַראָפּ געצויגען;
אין איין האַנד אַ „צוג“ געהאַלטען
האָט דעם שיצען מיט'ן פאָדעם
דורכגעצילט און דורכגעוואָרפען;
און די צווייטע האַנד די „לאַדע“
האָט ער צוגעקלאַפּט דעם פאָדעם
האָט געפלאָכטען און געוועבט זיך
שוס און קעטע זיך צוזאַמען —
אין געזאַנג פון „פירשטען־קינדער“
האָט די אַרבייט זיך געטראָגען:
שפּינען, שפּולען, שערען, וועבען —
אין געזאַנג פון פירשטען־קינדער:
שפּינער, שפּולער, שערער, וועבער,
מייסטער, לעהרלינג און געזעלען
האָט די מייסטערן געהאָלפען:
„אויסגענופּט“ געוועבטע שטיקער —
און דער קלאַנג האָט זיך געטראָגען
פון'ם וועבער'ס הויף און װערק־שטוב,
האָט אין הויף, אין גאַס געקלונגען;
און דעם נייגיער צוגעצויגען,
פאַר דעם לאַנד און פאַר דער פרייהייט
וואָס דער וועבער האָט געקריגען
האָט עס שטימונג'ס־פאָל געקלינגען
פאַר דעם וועבער'ס, מייסטער לעבען...

**) באַסט, מאַרין, אַטלעס, דיגנאַל זיינען בלויז אַ טייל נעמען וואָס מען רופט אָן דעם „בינד“ וואָס וועבט אויס זייז סאָרט שנור אויף דער סחורה.

****

ה

האָט טיבאַס פון וועבער דערהערט,
האָט טיבאַס געקלוגט זיך געשייט,
מיט אייפערדיג-אויגען געגלאָצט —
און ווי אַ ווילד גראָז עס שפּראָצט
געשפּיצעלט זיך האָט זיין געדאַנק:
אַנו לאָמיר הערען דיין קלאַנג
וואָס האָט אַזאַ גרויסען בעדייט?
אַזוי האָט זיך טיבאַס געקלערט...

ו

האָט טיבאַס דערזעהן
עס בלישטשעט אַרוים:
אַ שפּינראָד, אַ שפּול-ראָד,
אַ וועב-שטול פון הויז;

און ס'דרייט זיך דער פאָדעם
און ציהט זיך און ציהט —
האָט דאָס אים געלאָקערט,
געררייצט זיין אַפּעטיט —

ער וועט שוין בעקליידען
אַ וועלט מיט געוואַנט;
מען דאַרף נאָר בלויז נעמען
דאָס שפּינראָד אין האַנד...

האָט טיבאַס זיך אַלץ צוגעהערט,
האָט טיבאַס באַריהרט זיין געוואַנט
און ס'רעגדעל געדרייט אין זיין האַנד —
אַזוי האָט זיך טיבאַס געקלערט...

****

און גאָלדענע פעדעם
גע־זען שוין אין טרוים,
ווי ס׳שפּינט זיך און וועבט זיך
אַ גאָלדענער זוים...

האָט טיבאָס זיין חלום
מיט׳ן רענדעל בעשיידט;
און פליסיג גענומען
בעדינגען די לייט:

„אַ רענדעל אין פאָראויס
דאָס גיב איך אייך שוין;
און גרעסער, פיל גרעסער
עס וועט זיין דער לוין.

איך שענק אַ פּאָר איילען
פון שענסטען געוואַנט" —
און ס׳רענדעל אין פאָראויס
געשטעקט זיי אין האַנד.

האָט טיבאָס זיך אַלץ צוגעהערט
און טיבאָס האָט סתם שוין געטראַכט:
דאָס שפּינראָד עס שפּינט שוין צו זאַכט —
און שפּינראָד צום ווינד־מיהל פערגלייכט —
האָט טיבאָס זיך גיעריג געגרייכט:
מען דאַרף גאָר אַנטרייבען דעם ווינד,
עס וועט זיך שוין דרייען געשווינד —
אַזוי האָט זיך טיבאָס געקלערט...

האָט טיבאָס געצויגען
פון שפּינראָד דעם דרים
און שפּינער און שפּולער
און וועבער נאָך אים...

****

****

געטראָפֿען פּערזוימטע
אַ שעה, אָדער צוויי —
האָט טיבאָס גערעט אַלץ
און פאַרגעזאָגט זיי:

„פֿירשטען־קינדער קומט אַהער,
ווער אַ רענדעל וויל נאָר מער,
צו אַ פּרעמיע אַ געשאַנק?
דאַרף נאָר האָרכען מיין פערלאַנג:

„וועב נאָר, שער נאָר,
שפּול און שפּין
און מיין פּרעמיע
נעמט אין זין"...

האָט טיבאָס אַ בייטש זיך געשפּינט...
און ער האָט געפּאָכעט אין ווינד:

וועב נאָר, שער נאָר,
שפּול און שפּין
און מיין פּרעמיע
נעמט אין זין...

האָט טיבאָס געשייטקייט
— געשאַרפט זיך אין בליק
און זשעדנע געמאָסטען
די איילען פון שטיק...

ז

האָט טיבאָס געזען אַז
עס געהט כאַדאַראָם,
און ס'שלעפּט ווער צוריק־וועג
צום ווערק־שטאָט און קראָם...

****

געדרייט ר'האָט זיין קעטע
מיט'ן גייץ גאָר געניט
און האָט באַלד פערטשעפעט
אַ שלאַנג נאָך די טריט...

איך גיב אייך מיין קעטע
אַהיים פון פאַבריק,
און צאָהל אייך אַ רענדעל
פאַר וועבען אַ שטיק.

געדרייט האָט זיין רענדעל,
ווי ס'אויג אין זיין קאָפּ;
געשיקט עס געוואָרפּען,
אַרויף און אַראָפּ...

ח

ס'האָט טיבאַס פון ווערק־שטאָט
און קרעמעל געלאַכט;
געהערט אַז אַ „וואונדער"
האָט ווער אויסגעטראַכט;

אַ דאַמף־שטול, אַ דאַמף־שטול
וואָס לויפט ווי אַ רוח —
און האָט באַלד דעם וואונדער
בעטראַכט שוין פאַר זיך...

ט

אָנגעפּראַפּט מיט רענדלעך
טיבאַס האָט געזינגען:
"מאַרך און געהירען

****

פון'ם ערפינדער'ס גייסט —
קויף איך אָפּ פּאָר רענדלעך
און מיין מאָגען עס שפּייזט...

י

מיט געקאָרגטע רענדלעך
טיבאָם האָט געדונגען:
האָט ער אויסגעמויערט
אַ פאַבריק פון דאַמף־שטול,
וועבער זאָלען וועבען
סחורות אָן אַ סך —
האָבען איינע, ד'אַנדערע
באַלד די נייעם צוטראָגען;
און גענומען קוקען
ביז אַרויף צום קוימען —
און זיי האָט געשראָקען
ד'וואונדערליכע „זאַך"...

יא

פיער גאָרענדיגע הייזער,
מיט רויטע ציגעל מויערן;
מיט קליינע קברים שטיבלעך,
אַ וואו דער טויט טוט לויערן...

טיבאָם האָט געמויערט
נאָך די דאַמף פאַבריק,
האָט ער זיי פערדינגען
לויט דעם פּרייז פון שטיק...

האָט די נויט זיך דאָרט געשפּינט:
געה שוין וועב מיט ווייב און קינד...

****

יב

ס׳האָט אַליין אַ פּייפער
טיבאָס אויסגעטראַכט —
האָט דער האַנד-שטול וועבער
איראָנעש געלאַכט...

האָט געררופען ס׳פּייפען:
גיכער, ניט געפוילט —
האָט דער דאַמף-שטול וועבער
דעם דאַמף-שטול געאוילט...

האָט געשראָקען ס׳פּייפען
ווי אַ טייפליש-שפּיל —
און האַנד-שטול נאָכ׳ן דאַמף-שטול
האָט געיאָגט אָהן ציל...

יג

האָט געוועבט דער האַנד-שטול וועבער,
אויסגעוועבט זיין נויט;
און געזונגען פון אַ קעטע
מיט אַ שטיקעל ברויט:

אַ וועבער בין איך אַ יחסן-קינד,
מיין סחורה געהט גאַנץ וויט;
וואָס קומט מיר אָבער אַרויס דערפון?
איך האָב ניט אויף קיין מאָל-צייט...

מיט מזל ד׳קעטע כאָב אהיים געבראַכט,
מיין ווייב און קינד צו דערפרייען —
נו, האָב איך ניט צו בעצאָהלען ס׳מאָל:
די קעטע אָנצודרייען —

מיט מזל ד'קעטע שוין „פאָרגעריכט"
פון הונדערט, צוואַנציג איילען;
נאָר זאָגט מיר אָן דער פאַבריקאַנט:
וועט יעדען פאָדעם צעהלען...

יד

האָט געיאָגט דער האַנד-שטול וועבער,
ביז אין האַלבע נאַכט געוועבט;
און דער שלאָף אויף זיינע ברעמען
האָט די אויגען אים געקלעפּט...

איז זיין „צוג" פון האַנד געפאַלען
גלייך איר קראַפט וואָלט אויסגעפּעלט,
אַזש אין מיטען פאַך דעם שיצען
דורך זיין דרימעל אָפּגעשטעלט...

אויסגעריבען זיך די אויגען,
נאָך ניט פאַרטיג איז דאָס שטיק —
און געפלוכט האָט ער דעם דאַמף-שטול
מיט די גאַנצע וועב-פאַבריק...

יה

יעדען זונטאָג אין דער פריה
האָט דער גלאָק געקלונגען:
בעט צו גאָט און טיבאַס דיען,
קריגסט אַ דירה, קריגסט אויף ברויט —
טיבאַס צאָהלט דעם קיסר צונז,
טיבאַס שענקט אויך וואָס אומזינסט —
און אַ גרוב אויף נאָכ'ן טויט...

יו

אין אַ שעהנעם גאָרטען
ווייט פון וועבער'ס אויגען,
האָט אין פּאַלאַץ טיבאַס
דעם פּאָדעם אָנגעצויגען...

געשפּינט האָט ער אַ נעץ
און אַ בייטש געדרייט;
און דערמיט געפּאַכעט
פאַר די פרעמדע לייט...

יז

האָט טיבאַס געוואַקסען
געהויבען זיך הויך —
און פון זיך געבלאָזען
ווי ד'קוימען זיין רויך...

דאָס ראָד און דער רימען
און איטליכע שרויף,
זיי האָבען ווי אינאיינעם
גערעט זיך צונויף;

אין רוישיגע טענער
צום וועבער דערגרייכט:
מיר מאַכען דאָס וועבען
אַלץ גרינג דיר און לייכט...

„און דו אָרעם
וועבער קינד;
מאַכסט פון וועבען
גאַנץ זיך בלינד...

****

זעהט דיין אויג נִיט
אָן דיין הויז —
וועבסט אַ טאָרבע
פאַר זיך אויס...

פופצען שטונדען
אין מעת-לעת —
מאַכט עס בלייך דיך
ווי אַ מת...

געהסטו קרענקלעך
צו דיין הויז,
וועבסט תכריכים
פאַר זיך אויס"...

יח

אים האָט ס׳רוישען
געגרילצט אין האַרץ —
און די טענער
געמאָלען שוואַרץ...

יאָגען רימענס
גרויס און קליין,
טרייבען רעדער
מיט די צייהן —

ס׳לייב געגעסען
האָט אים געדאַכט,
פון פערניכטונג
אַלץ געטראַכט...

****

****

יט

גערוישט האָט דער דאַמף־שטול,
דאַביי אַזוי מיד
דער וועבער געברומט האָט:
אַ פלוכענדיק־ליד...

כ

פריה, בעגינען פאַר דעם וועבען,
שפּעט אין אָבענט נאָך דעם וועבען
האָט דאָס פייפען פון פאַבריקען
פריי געלאָזען און גערופען
מיט אַ גרילצענדיג־געשריי —
און די וועבער—אויסגעבלייכטע,
אַנגעקליידטע ווי די בעטלער,
ווי פאַר'ן טאָג זיך וואָלטען שעהמען —
זיינען שאָטענדיג פערשוואונדען,
ווי אַ בייטש וואָלט שרעקען זיי...

כא

האָט געוועבט דאָס וועבער־קינד
הכנעה'דיג און מוטלאָז־שטום;
און פון פירשטען, „פירשטען־קינד"
אויסגעלאָזט האָט זיך דער רוהם...

האָט ער צווייטען נאָכגעשלעפּט
ביז אַהיים אין אָרעמקייט —
און אַ בעטלער, „בעטלער־קינד"
האָבען פינגער נאָכגעטייט...

****

האָט דער צאָרן אויסגעוואַקסען
מיט דעם וועבער׳ס שווערע לאַסט;
און ער האָט אין זיין פערצווייפלונג
בלויז דעם דאַמף-שטול נאָר געהאַסט...

כב

עס האָט זיך געטומעלט
אין וועבערשען-צעך:
„מעכאַנישע וועב-שטול׳ס
צוברעך זיי, צוברעך!

אַוועק זאָל צום טייפעל
דער שטול מיט׳ן דאַמף"!
און ווילד האָט די מאַסע
געלאָזט זיך אין קאַמף.

כג

די פאַבריקען צונטער-רויט —
וואו געוועבט האָט זיך דער טויט —
הייסע דאַמפען אויסגעשפריצט
און די מאַסע מער צוהיצט —

אַזש די ציגעלדיגע-ווענט
האָט די שנאה דורכגעברענט,
מיט אַ מאוים׳דיג געבריל,
אין אַ ווילדען פלאַמען שפּיל...

****

כד

פון טיבאַס פאַבריקען
צום פּאַלאַץ מען פיהרט:
צובראָכענע דאַמף-שטול
מיט בלוט אויסגעשמירט...

האָט טיבאַס אין פּאַלאַץ
אַ ציטער געטאָן;
אַ בליץ—האָט דערגרייכט דאָס
פון פּאַלאַץ צום טהראָן:

„עס האָבען די בעטלער
צעיושעט זיך ווילד,
געלאַכט אוים דעם גלח
מיט'ן הייליגען בילד"!

געגנעדיג געווען
דעם קיסר'ס פערלאַנג:
וואָס דאַרפט דען אַ בעטלער?
אים שענק אַ געשאַנק...

כה

נאָכ'ן קאַמף—זיין לאַסט פערגרינגערט
האָט געוועבט דאָס פירשטען-קינד;
און זיין נאַרישען פּארברעכען
איינגעקריצט זיך ווי אַ זינד...

האָט געבויגט זיך פאַר דעם דאַמף-שטול,
מיט זיין טאַט זיך אַלץ געשעהמט —
נאָר פון פירשטען-קינד—אַ בעטלער
נאָך ביז היינט צו טאָג אים קלעמט...

****

כו

וועבט דער וועבער
זינגט ער היינט:
ניט דער דאַמף־שטול
איז דער פיינד —

ניט פאַר׳ן קיסר׳ס
דינסט אין לאַנד;
דאַרף איך וועבען
מיין געוואַנט —

בלויז וואָס טיבאָס
אויסערוועלט:
אַלע פאַרבען
פון דער וועלט —

וועב איך פעדעם
אַלערליי,
פעדעמע־איין
איינס און צוויי —

שפּול און שיצען
פאָר־צונויף,
ציהט דעם פאָדעם
אין זיין לויף —

פרואווט נאָר מעסטען
אום די לענג?
האַלט די אויגען
אָנגעשטרענגט...

טיבאַם אָבער
ניט פערגעסט,
וואָס איך וועב אוים
טיבאַם מעסט —

מעסט ער אויסעט,
מעסט ער איין —
טיבאַם מאָס איז
גרוים און קליין...

וועבט איין דאַמף-שטול
ניט גענוג,
שפּאַן איך איינעט
„צוויי אין צוג“:

כז

צוויי אייזערנע דאַמף-שטול,
דער וועבער אין מיט;
ער וועבט זיך אויף ביידע
און ברומט צו אַ ליד:

טהו קניפּען די דרימען
און פעדעם נאָר איין,
די שפּולען זיך רייסען,
די קעטע געמיין.

וואָס שוואַכער די פעדעם
אַלץ שווערער דער לאַסט,
אַ לאָז און אַ שטעל אָפּ
דעם דאַמף-שטול אין האַסט...

****

איך קניפּ און איך פּעדעם
דער רוקען אזש ברעכט,
דאָס פּנים אין גרימען:
דאָס וועבען גערט שלעכט...

דער דרים און דער פּאָדעם
מעג פּעסט זיין געדרייט;
נאָר סיי ווי וואָס קריג איך?
איך שעהם זיך פאַר לייט...

צוויי אייזערנע דאַמף־שטול,
איך וועב און איך וועב,
אין לונג ווערט אַ שפּאַרע
מיט שטויב זי פּערקלעב...

מיין סחורה איז פּרימע,
איך קריג מיר אַ לויב —
און כאַפּ אָפּ דעם אָטעם
און אָטעמע שטויב...

איך וועב אוים מיין סחורה,
זי געהט שוין גאָר ווייט;
נאָר סיי ווי וואָס קריג איך
איך שעהם זיך פאַר לייט...

עס פליהען די שיצלעך,
זיי יאָגען גאַליאָפּ,
עס הוזשען די דאַמף־שטול,
זיי רוישען אין קאָפּ.

איך ציפּ אָפּ די דרימען
און וויש אָפּ דעם „מאָך“;
און דרימען און צויטען
זיי שלעפּען זיך נאָך...

****

כח

וועבט דער וועבער
זינגט ער היינט:
ניט דער דאַמף־שטול
איז דער פיינד —

ניט פאַר'ן קיסר'ס
דינסט אין לאַנד;
דאַרף איך וועבן
מיין געוואַנט —

בלויז וואָס טיבאָס
מיר באַפעלט;
אַלע סחורות
פון דער וועלט —

וועבט איין דאַמף־שטול
ניט גענוג,
שפּאַן איך איינעט
„צוויי אין צוג" —

שפּאַן איך איינעט
זיך אין יאָך,
טיבאָס אָבער
וויל אַלץ נאָך...

כט

אין די וועב-פאַבריקען
ביי די וועב-מאַשינען;
שקלאַפען גאַנצע מחנות,
גרויס און קליין זיי דינען...

טראָגט זיך אַ געמורמעל
אין אַזוי פיל שפּראַכען,
ווי אַ דור־הפלגה,
גאָר ניט ווי אין גלייכען...

וועבען זיי און וועבען
אויס אַ וועלט געוועבען,
וועבען זיך די נויטען
פון דעם אייגען לעבען...

געהן די קרעכצען, קללות
אין דעם רויש און טומעל —
און די שטויסען סחורות
גרייכען אַזש אין הימעל...

אוי אַזוי פיל סחורות
אַנגעוועבט אין נויטען —
גרילצט ס'פאַבריקען-פייפען,
וועקט אַזש אויף אַ טויטען...

אוי אַזאַ בעלוינונג
ס'וועט אמאָל זיך בייטען;
און בעצאָהלונג קריגען
פאַר די אַלע צייטען...

ל

עס רוישט און עס הוזשעט
דער קראַפט-שטול זיין ליד,
פון שטאָל און פון אייזען
דער קלאַנג איז געשמידט...

דאָס ליד איז אַ גרויסעס,
דערצעהלט אַזוי פיל:
פון וועבער און וועבען —
פון וועבען דער ציל...

זיידען־וועבער

זיידען־וועבער, קינסטליך וועבט איהר,
שעהנסטע שטאָפען פלעכט איהר אויס:
זילבער־ווייסע, פורפור־רויטע,
הימעל־פאַרבען רייך און גרויס.

שטערען, זונען, רויזען, ליליען,
ציהען זיך פאַר אייך פאַרביי —
אויסגעשניצטע, אויסגעטאַקטע,
ווי אין הימעל, ווי אין מאַי.

וועבט זשע גיכער אויס די סחורות,
קונים וואַרטען ערגעץ גרייט —
דאַרפען זיך אין „זייד" אויספוצען,
נו, נו, פלייסיג וועבט דעם זייד...

זיידענצייג וועב איך

זיידען-צייג וועב איך בעפוצט און בעשיינט,
אך! וויפיל שיינקייט, די אויגען ס׳פערבלענט;
וועב איך פאר׳ן פאלאץ, צו פוצען די ווענט —
נאר ווי מיר לעבט זיך, ניט פרעג מיך, מיין פריינד...

ס׳רייצט דאס געוועב פון די בלומען אין זייד —
פוצט אוים זיך פרינצעסין, שאפט אייך גענום,
רוישען זאל שלעפע-קלייד אונטער דעם פום;
נאר פון מיר טראכט ניט, צושטערט ניט אייער פרייד...

ס׳רייצט דאס געוועב און עם פאסט זיך פאר׳ן הארץ,
מעג עם זיין בויגעדיג, מעג עם זיין שטייף,
טהוט אן דאס זיידענע-העמד מיט׳ן שלייף,
ס׳וועט שוין פערפוצען — מעג זיין ווי שווארץ...

ס׳רייצט דאס געוועב מיט א שיינקייט בעלויכט;
לאז איך קיין שטויבעלע פאלען אויפ׳ן זייד,
פוצט אוים דאס מעבעל, פערהילט עם, פערקלייד;
אלצדינג געוועבט איז, צו וואס איר געברויכט...

זיידען-צייג וועב איך, וועב שיפעלע, פליה —
ציהט זיך זיין דרים, ווי א גלות שוין לאנג —
ווערט שוין מיין הארץ, פון א מידיגקייט קראנק,
געהט גאר פון זינען מיין אייגענע מיה...

מיין מיידעלע

עס פרעגט מיך מיין מיידעלע איינמאל נאאיוו:
„איך ווייס — זאגט זי — טאטעשי, אין שאפ דו מוזט געהן;
נאר זאג מיר, די גאנצענע טעג וואס דו טהוסט,
וואס שטענדיג מוז איך זיין מיט מאמעשי אליין?“

איך פרואוו איהר, דעם טעכטעריל געבען צו פערשטעהן,
זי הארכט זיך צו מיר צו מיט אויג'לעך אזוי ליב —
כ'ערקלעהר איהר, כ'מוז ארבייטען גאנצענע טעג
אויף אלצדינג, וואס מאמעשי דארף אין דער שטיב.

„און מאמעשי זאגט מיר, אין שאפ מאכסטו זייד
אויף קליידעלעך שעהנע“ און פרעגט מיך מיט וועה:
„פאר וואס ברענגסטו טאטעשי קיינמאל אהיים
פאר מיר אויף א קליידעלע? זעה ווי איך געה!...“

נאר איינמאל, ווען פיבעריש ס'קינד האט ביי נאכט
זיך גאלדענע טרוימעלעך וואכענדיג געשפינט —
כ'בין לאנג ביי איהר בעטעל מיט „מאמעשי געוואכט,
א זיידענעם קליידעל כ'האב צוגעזאגט דעם קינד.

איך טראכט ביי די דאמף-שטול: „די רויזען און לילען,
די קינציגע בלומ'לעך אינ'ם זייד,
די פרעכטיגע ארבייט געוועבט ווי פון פריהלינג —
ווי שעהן וואלט מיין קינד דאס געקליידט!...“

נאר ס'האבען אין מיטען ווי שפאטישע טענער
גערוישט דורך די דאמף-שטול צו מיר:
„די זיידענע בלומ'לעך גיב אכטונג, פארפלעק נישט,
פערגעס נישט, דאס איז ניט פאר דיר!...“

עס האָט זיך גערוקט אַלץ ס'געוועבטע אַרונטער,
געוויקעלט אַרום זיך אין שטיק —
אין האַרץ אויך אינאיינעם געוועבט האָט דער ווייטאָג
און אָנגעפילט מיט טרעהרען מיין בליק...

און פלוצלונג געפאַלען מיין זודיגע טרער איז,
געצייכענט די בלומיגע זייד:
כ'וועל קריגען צוריק פאַר מיין קינד דאָס פאַרפלעקטע,
געלאַכט כ'האָב מיט איראָנישע פרייד!...

מיין טעכטעריל האָט זיך אויפ'ן קול'עכעל צואוויינט
ווען מאַמעשי דעם זייד האָט בעטראַכט —
„נישטאָ אויף קיין קליידעל, אַ פלעקענדיג שטיקעל
זעה, טאַטעשי, וואָס האָסטו געבראַכט!...“



בענקשאַפט

עס שלומערט מיין געדאַנק פערוויגט פון שאַפ געררויש —
און פלאַנטערט זיך אין מיר ווי אין שלאָף אַ טרוים;
עס מאַהלט זיך אין מיין דמיון: אַ שיפעל אין אַ שטורם,
דאַביי מיט אַלע כחות האַלט מיין גייסט זיך קוים...

עס רוישט ווי אַ געוויטער דער כאַאָס פון שאַפ,
דאָס האַרץ ווי אין אַ תפיסה פון מאַטערנים פערגעהט;
דורכ'ן פענסטער קוקט ס'אויג באַנג ווי אַ פערבלאָנדזשעט-קינד
און ס'דאַכט אין ים געררויש זיך טרינקט מיין האַרץ און שרייט...

עס ווערט פאַר'ן אויער פערקלונגען ס'וואָרט וואָס גרייכט אַהין
נאָר אין מיין האַרץ וועבט זיך אַ שטיל פערראומערט-ליד;
און וועבט זיך אין דער שטילקייט פון די שפעטע נאַכט
ווען נאָך דער אַרבייט זינקט מיין קאָפ אַנידער מיד...

• • • •

עס וועלען דיינע טרוימען אין געררויש פערגעהן —
און יאָגען וועט דיין האַרץ די דאַמף-שטול אַהן לוסט —
נאָר שטייגען וועט דיין בענקשאַפט, שטאַרקער אין דיין ברוסט;
אַזוי ווי עס שטאַרקט זיך אַ גוסס, זיין קינד צו זעהן...

און וועבען וועסטו וועבען ביז'ן לעצטען טאָג;
און אויף די זיידענע בלומען קוקען וועסטו שטום;
וועט עמיץ אפשר שענקען אויף דיין קבר אַ בלום?
נאָר קיינמאָל אויף תכריכים ניט האָבען גענוג...

און וועבען וועסטו אַלץ, און וועבען אַהן אַ ציעל,
רק יאָגען אַלץ די מעכאַנישע וועב-שטול מיד;
ביז רוישען וועלען זיי דיר ס'לעצטע אַבשייד-ליד —
און טרוימען וועסטו דאָרטען אינ'ם קבר שטיל...

מײַ

פריהלינג אין דרויסען
גריסט אַרײַן די זון,
זעהט זי מיך װעבען
לייב און זעל פערטאָן...

גריסען די שטראַהלען,
נויגען זיך פאַר'ן בליק;
פיהל איך אַ פרישקייט,
יום-טוב'דיג זיך קוויק...

פריהלינג אויפ'ן האַרצען,
גאָר ווי נײַ איך לעב;
וועבט זיך אין זינען,
יום-טוב'דיג איך וועב...

ציהען זיך שטראַהלען
אין לענג און אין ברייט,
גאָלדיג און זוניג
פאַנטאַסטיש אין זייד.

קלויבען זיך שטראַהלען
בינטעלעך צונויף,
דאַכט זיך עס שפּריצען
פאָנטאַנען אַרויף...

שימערט דאָס זייִדענס
אין אַ פאַרבען-בלענד,
וועבט זיך מײַן סימבאָל
מיט די אייג'נע הענט...

גלאַנצט מיט'ן שימער
מוסקעל'דיגע קראַפט;
וועבט זיך מיין פאָהן אוים
פריהלינג'דיג בעשאַפט...

טאַנצען די שטראַהלען
פון דער פריהלינג זון,
וועבען זיך איינעט
אין מיין זייד'נער פאָהן...

חוזר'ן זיך קלאַנגען:
יום-טוב'דיגער-מיי;
פלאַטערט מיין נשמה,
רייסט זיך צו דער פריי...

פריהלינג

פריהלינג אין דרויסען
וועהט אריין א פרייד;
וועב איך אויף „דזשעקארד" (*
בלומען אין דעם זייד.

וועב איך אויס בלומען,
בלימעלעך א וועלט;
אלצדינג פון פריהלינג
און וואס אייך געפעלט.

בלומען אין פריהלינג
וועב איך מיט א פרייד,
זאל זיין מיט מזל
פאר א חפה-קלייד...

געהט דער קלאנג איבער
אזש אין ווייט, אין פרעמד;
וועב איך די שלייפען
און דאס זיידען-העמד...

בחור און מיידעל
סיי פון נאהנט און ווייט,
ד'פוץ אייך אויס ביידע,
טראגט שוין אויך מיין פרייד...

*) דזשעקארד איז א וועב־מאשין וואס וועבט אויס בלומען.

דו וועבסט ניט גענוג

געיאָגט האָט דער וועבער דעם האַנד-שטול נאָכ'ן קראַפט-שטול,
די נעכט אויסגערעכענט זיך קלוג —
און דאָך אין זיין דחקות געגרילצט האָט אַ שטימע:
דו וועבסט ניט, דו וועבסט ניט גענוג...

האָט ווידער געוועבט אויפ'ן דאַמף-שטול דער וועבער;
ס'וועב-שיפעלע פליהט ווי אַ צוג —
און דאָך אין זיין דחקות געגרילצט האָט אַ שטימע:
דו וועבסט ניט, דו וועבסט ניט גענוג...

האָט איינגעשפאַנט זיך ביי „צוויי" דאַמף-שטול דער וועבער,
צוויי דאַמף-שטול נאָך אַלץ ניט גענוג!
נו, נעם שוין טהו אָן אַ פּאָר שטאָלענע רעדלעך;
און נאָכ'ן פייל פון בויגען זיך יאָג...

איבער׳ן שטעטעל

איבער׳ן שטעטעל קוימענס שטייגען
פון פאַבריקען הויך אַרויס,
קוקען אויף דעם אָרעם געגענט
ווי מיט גאוה פון זייער גרויס...

בלאָזען פון זיך סאַזשע־וואָלקענס,
וואו ניט וואו אַ דיקער רויך
שפּאַרט און שלענגעלט ווי אַ בייטש זיך —
ווי ר׳וואָלט סטראַשען פון דער הויך...

אין פריהמאָרגען כ׳הער אַ פייפען
דרינגט אַריין אין הויז, אין צעלט —
איז דאָס ניט אַ פּאַסטוכ׳ס פייפען
רופענדיג די פיה אין פעלד...?

איבער׳ן שטעטעל רויך און סאַזשע,
אין דער לופט אַ פייפעריי,
קנאַקט ניט וואו די בייטש פון פּאַסטוך?
אונטער׳ן בייטש שווינדט אַלץ פאַרביי...